א ליכטיגן תמיד
אודיו
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

# אור הבוקר

נעימה קלה פון די 'לעכטיגע גוט מארגן – אשב"ש' שמועסן

עס שטייט אין פסוק: ויבוא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים. זאגט דער שפת אמת, ברפידים איז א לשון פון 'פירד - צעשפרייט', אזויווי דער זוהר הק' זאגט, ווען אידישע קינדער האבן געזאגט: היש ה' בקרבינו אם אין? דורך דעם וואס עס איז דא א פירוד צווישן די אידן און באשעפער ח"ו, קומט עמלק, קומט ספיקות אין אמונה ח"ו. ווען אידישע קידער זענען בקהילה אחת ובאחדות, דעמאלסט איז נישט דא קיין ספיקות אין אמונה, און דאס ברענגט די גאולה.

דאס ענין פון ספיקות אין אמונה, קומט ווען עס איז נישט דא קיין אחדות. אחדות איז א יסוד אין אמונה פשוטה. ווען א מענטש קען סובל זיין אידן, און ער געבט זיך אוועק פאר אידן - וויאזוי איז דאס מעגליך בדרך הטבע? נאר אויב ער גלייבט אינעם הייליגן באשעפער, אז אלעס פירט דער אייבעשטער, און קיינער קען גארנישט טון, און עס איז נישט דא קיין מצב; מקום און זמן, און אן אופן, ווי מען קען ברוגז ווערן אויף א צווייטן איד, דאס איז אמונה פשוטה, און דאס ברענגט די גאולה!

און אז מען זעט אז עמלק, אז מען זעט אז די אומות העולם, קענען ח"ו שולט זיין אויף אידישע קינדער, זיי קענען אריינברענגן זייער קרירות, זייער קאלטקייט, און זייערע עבירות, און זייערע מעשים, צווישן כלל ישראל. דארף מען וויסן, אז דאס קומט נאר פון דעם, ווייל עס פעלט אן אחדות. וואס מיינט אחדות? אמונה פשוטה! וואס מיינט אמונה פשוטה? אחדות!

ווען אידישע קידער זענען בקהילה אחת ובאחדות, דעמאלסט איז נישט דא קיין ספיקות אין אמונה, און דאס ברענגט די גאולה.

אין מדרש שטייט: אתם נצבים היום, פונקט אזויווי די טאג, אמאל איז עס

פארוואלקנט, און אמאל איז עס לעכטיג, עס לייכט. אזוי אויך כלל ישראל, אפילו עס איז שייך אז עס וועט אמאל זיין א פארנעפלטקייט, וועט דער הייליגער באשעפער שטענדיג צו אונז לייכטן. ווען וועט עס לייכטן? אתם נצבים היום, ענק ווילן שטיין מיט די לעכטיגקייט פון די טאג? זאגט די תורה הקודשה: כולכם, ווען ענק זענען באחדות, ענק זענען איינס, כאיש אחד בלב אחד, דעמאלסט לייכט עס, והיה לך ה' לאור עולם, דער הייליגער באשעפער לייכט אייביג, אבער נאר אויב עס איז דא אן ענין פון אחדות.

חיים, ווייסט ווען? כולכם, ווען מען האלט זיך באחדות, אלע צוזאמען, היום, לייכט עס ווי די טאג.

און אזיוווי מען זעט, ווען א מענטש נעמט איין קליינע שטיקל האלץ, קען ער עס צעברעכן. אבער ווען מען האט א גאנצע בינטל פון האלץ, און ער וויל עס צעברעכן אויף איינמאל, קען מען עס נישט צעברעכן. ווען עס איז דא אחדות קען נישט המן שולט זיין אויף אידן. המן הרשע האט געזאגט: מפוזר ומפורד בין העמים. וואס האבן אונז געטון קעגן דעם? נקהלו ועמד על נפשם, מען האט געמאכט אן אחדות, מען האט זיך צאמגעזאמעלט, און מען האט זיך געקענט דעמאלסט קעגן שטעלן, ונוח מאויביהם, און עס איז געווארן לייכטער פון די אויבים, פון די שונאים, פון די רשעים. זיי האבן נישט געהאט א שליטה.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! עס כאפט דאך א פחד נורא! מען הערט פון אידן, אז עס קען זיין אז עס איז דא למשל א חתונה, און עס איז דא א טאטע, צי א זיידע, צי א קינד, צי א מחותן, צי א קרוב משפחה, וואס לאזט נישט 'דעם' קומען צו די חתונה, און 'יענעם' קומען... און טאמער 'יענער' קומט, קום איך נישט... און טאמער דו קומסט, קומט יענער נישט... רבוש"ע! ווי קען זיין א שמחה וואו די אבות הקדושים קומען אראפ, ווי קען זיין א שמחה ווי עס איז דא אן השראת השכינה, אז עס איז דא טרערן, אז עס איז דא ביטערע טרערן פון א צווייטער איד?! עס איז דא קינדער וואס האבן חתונה און די עלטערן זענען נישט ביי די חתונה. עס איז דא עלטערן וואס לאזן נישט אנדערע קינדער קומען צו די חתונה. רבוש"ע! ווי קען מען זאגן אז עס דא דארט אן השראת השכינה?! ווי קען מען זאגן אז די אבות הקדושים קומען אראפ?! די זעלבע זאך איז א ברית, א פדיון הבן, א בר מצוה, און אלע צאמקומען. ווי קען זיין ביי כלל ישראל אז נישט יעדער איד קען אריינגיין אין יעדע מקום?! איך זאג נישט אז 'איך' דארף אריינגיין אין יעדע מקום, א מענטש האט זיך זיינע גדרים און סייגים, אין זיינע מסורות, וואו ער דארף יא גיין און וואו נישט. אבער א איד דארף 'קענען' אריינגיין, מצד כלל ישראל דארף זיין אן אחדות!

נקהלו ועמד על נפשם, מען האט געמאכט אן אחדות, מען האט זיך צאמגעזאמעלט, און מען האט זיך געקענט דעמאלסט קעגן שטעלן, ונוח מאויביהם

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! עס קען זיין אז אידן טרעפן זיך אין בית מדרש, און מען רעדט נישט איינער צום צווייטן. עס קען זיין אז אידן טרעפן זיך ביי שמחות און מען דרייט אוועק די פנים איינער פונעם צווייטן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! נקהלו ועמד על נפשם, ונוח מאויביהם. אז מען לעבט מיט אמונה פשוטה, גלייבט מען, קיינער קען נישט שלעכטס טון, און מען טאר נישט שלעכטס טון. און מען דארף אויך גלייבן אין די תורה הקדושה! די תורה הקדושה זאגט: לא תקום ולא תטור, ואהבת לרעך כמוך, און דאס איז אפילו עלטערן קעגן אייגענע קינדער. עלטערן האבן נישט קיין שום רעכט עובר צו זיין אויף די תורה און מאכן מחלוקת אויף אייגענע קינדער! ניין! די תורה איז דאס נישט מתיר! קינדער צווישן זיך, ברודער און שוועסטער, טארן נישט מאכן קיין מחלוקת איינער מיטן צווייטן! די תורה איז דאס נישט מתיר!

מען דארף איינרייסן און בעטן דעם אייבערשטן, און זיך בעטן ביים כלל ישראל: אחדות! נקהלו! ויקהל משה! אלה פקודי! אז מען וויל געהאלפן ווערן מיט ישועות, מיט געזונט פרנסה נחת... כלל ישראל שטייט אין א מצב, מען דארף אזויפיל ישועות! די אנטעמעטיזם, די גוים טשעפען מיט די אידן. פארוואס? ווייל עס איז מפוזר און מפורד ח"ו! אז עס וועט זיין אחדות צווישן אידן, וועט זיין ישועות! די אומות העולם ווערן בטל ומבוטל!

משפחה ומשפחה, עס קומט פורים, מאכטס שלום! קומטס ענק צאם אין פורים מיט שלום, מיט פרייליכע הערצער! עס קומט פסח, די יום טוב וואס מיר זענען ארויס פון מצרים, אין זכות וואס אידישע קינדער זענען געווען באחדות! די חורבן בית המקדש איז געווען וועגן שנאת חינם!

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! נקהלו ועמד על נפשם, ונוח מאויביהם. אז מען לעבט מיט אמונה פשוטה, גלייבט מען, קיינער קען נישט שלעכטס טון

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! לאמיר צעשפרייטן אמונה ביים כלל ישראל, פנים מאירות, אמונה שלום בטחון און שמחה! סיי דורך תפילה, יעדער זאל מתפלל זיין, אז אלע אידן זאלן מאכן שלום, אלע משפחות, די משפחות זאלן זיך דורכקומען איינער מיטן צווייטן, זאלן זיך ליב האבן, זאלן קענען מאכן שיינע שמחות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! מיר וועלן זאגן א מורא'דיגע ווארט: יעדער איינער ווייסט, מען גייט ארום לעצטנס ביי חתונות, און עס מאכט זיך זייער אפט - דער הייליגער באשעפער זאל זיך מרחם זיין אויף דעם אויך - אז עס איז דא אין די משפחה איינער פון די קינדער, אדער אסאך מאלביידע צדדים, וואס די קינדער זענען נעבעך נישט אזוי ערליך, די לבוש איז נישט אונזער, די מוזיק איז נישט אונזער, די גאנצע מהלך איז נישט אונזער. אבער די גאנצע משפחה קומט, די רבנים קומען, ערליכע אידן קומען. ווייל מען וויל מקרב זיין די נשמות, און זיי צוריקברענגען. און דורך ווייזן אהבה, דורך ווייזן חשיבות, ברענגט מען זיי צוריק. דאס פארשטייט יעדער איינער.

אוי הייליגע אידישע קינדער! ווען א איד האט משפחה מיטגלידער, קינדער און אייניקלעך, ברודער/שוועסטער, שווארגער/שוועגערינס, קאזינס, וואס זיי טוען נישט אלעס אזויווי דו ווילסט, מעג מען זיי מרחק זיין? מען דארף ווארטן ח"ו, ביז מען וועט דארפן מקרב זיין?

יעדער איד דארף התקרבות! מיר דארפן גלייבן אז דער רצון הבורא, איז קיינמאל נישט מחלוקת! קיינמאל נישט ווי טון אידן! קיינמאל נישט פלאנטערן אין לשון הרע און רכילות! לאמיר מעורר זיין רחמי שמים מרובים, צעשפרייטן א פנים מאירות, אמונה שלום בטחון און שמחה אויף די וועלט, דורך תפילה און דורך מפרסם זיין, און זיך בעטן עס זאלן זיין עסקנים, וואס זאלן זיך אריינלייגן עס זאל זיין שלום ביי אידישע שטובער. מען דארף נישט זיין מיט קפידות, מען טאר נישט לעבן אין פירוד לבבות. עס גייט נישט וויאזוי דו ווילסט? גיב זיך אונטער, בטל רצונך מפני רצונו!

מיר דארפן גלייבן אז דער רצון הבורא, איז קיינמאל נישט מחלוקת! קיינמאל נישט ווי טון אידן! קיינמאל נישט פלאנטערן אין לשון הרע און רכילות!

דאס וועט אונז מבטל זיין אלע גזירות, און דאס וועט אויך ברענגען א גרויסע ישועה. אזויפיל אידן דארפן זיווגים הגונים, אזויפיל אידן דארפן פרנסה, אזויפיל אידן דארפן קינדער, אזויפיל אידן דארפן אריכות ימים! בלי שום ספק, אז עס וועט זיין ויקהל משה, וועט זיין אלה פקודי, בעזר ה', דער הייליגער באשעפער וועט אונז משפיע זיין אלע ברכות און אלע ישועות.

א מענטש קען נישט זען קיין לעכטיגקייט, נאר ווען דער הייליגער באשעפער וויל עס אים געבן, און דער רבוש"ע רעכנט און רעכנט פאר א מענטש נאר גוט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, יא! טראכט ביי דיר: אלעס אין מיין מצב איז גוט! אויב דו פארשטייסט עס נישט, גלייב און בעט דעם הייליגן באשעפער, זאל דיר עפענען די אויגן, אז דו זאלסט עס זען, אבער איך גלייב אז עס גוט! דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מען זאל עס שוין זען מיט די פליישיגע אויגן.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך,
שיקט צו:
**gilynospm@gmail.com**

עס איז געווען א משפחה אין דייטשלאנד, משפחת מייער. צווישן די ערשטע קריג און די צווייטע קריג איז געווען א געוואלדיגע עשירות ביי זייער פאטער רבי מנחם מייער. ביי דעם איד איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, א תלמוד חכם, ער

האט קובע געווען עיתים לתורה, און ער האט געהאט אן עשירות, א געוואלדיגע הצלחה.

וואס איז געווען די עשירות? דארט איז געווען משרתות, דארט איז געווען קעכערס און קעכערינס אין די שטוב, קיינער פון די קינדער האט אפילו א קארטאפל נישט געדארפט אפשיילן, אלעס האבן זיי באקומען געקויפט. איינע פון די קינדער פארציילן, אז ווען זיי זענען געווען א קליין קינד, האט דער טאטע איר געזאגט: דו ווייסט? די בנין דא, דאס איז דיינס! ער האט עס געקויפט אין די טאג וואס די קינד איז געבוירן... האבן מיר א שטיקל באגריף אין וועלכע רייכטום זיי האבן געלעבט, מיט תורה וגדולה במקום אחד.

פארציילט די משפחה, עס איז געקומען איין טאג, ווען מען האט אנגעפאנגן זען אז די דייטשן הייבן אן איינעמען א וועלט, אבער פון אנפאנג האט מען נאכנישט געוואוסט נעבעך פון די שחיטה וואס זיי מאכן, ה' ינקם דמם פון די אלע אידן. אבער זיי האבן געזען אז די מצב, פאליטיש און אין געלט, איז זייער שווער, און עס האט אנגעפאנגן גיין אראפ מיט די געלט, עס האט אנגעפאנגן ווערן א מורא'דיגע רעסעסיע.

דער טאטע האט זיך נאכגעפרעגט, וואס קען מען טון, אז די אלע געלטער וואס ער האט, זאל מען אריינלייגן אין א פלאץ וואו עס וועט נישט קראכן, אפילו ווען עס קלאפט אויס א מלחמה. ביז יעדער האט אים געזאגט, אז רוסלאנד, דער רוסישער בער, ער שטייט די העכסטע, ער זאל אריינלייגן זיין גאנצע געלט אין די רוסישע וואלוטע, אין די רובל. און אזוי האט ער טאקע געטון. כמעט די גאנצע געלט, האט ער דארט אריינגעלייגט, און ער איז געווען זייער רואיג.

איין טאג, איז אריינגעקומען איינע פון די קינדער אין שטוב, און געוויזן אין די צייטונג שטייט, אז די רוסישע וואלוטע, די רוסישע רובל האט געטראסקעט, עס איז נישט ווערט קיין רעטיך. די דייטש מאכט גרויסע מלחמות און גרויסע קריגעריי, און רוסלאנד זעט אויס אז עס גייט פאלן, עס איז נישט ווערד גארנישט. דער טאטע איז געווען א איד א תלמוד חכם, א איד אן עובד ה', האט ער געזאגט פאר די קינדער: קינדערליך טייערע!

פונקט אזויווי מיר האבן מקבל געווען באהבה דאס עשירות, ווען מיר יעצט מקבל זיין באהבה דאס עניות, דאס איז יעצט די רצון ה', און ער גלייבט אז טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו!

אבער אזויווי מען איז געווארן ארימעלייט אינמיטן די נאכט, האבן זיי באשלאסן צו פארקויפן די פאר זאכן וואס זיי האבן דארט, די בנינים, און זיי גייען פארן אויף ארץ ישראל.

זיי זענען אנגעקומען אויף האלאנד, זיי זענען געווען אין האלאנד א שטיק צייט, און דא רעדט מען שוין, נאכדעם וואס זיי זענען געווען צוגעוואוינט צו א געוואלדיגע עשירות, זיי האבן גארנישט געדארפט טון אליינס. זיי זענען אנגעקומען אויף האלאנד, האבן זיי געדארפט דינגן א קליין דירה'לע דארט, אבער מען האט דאך געדארפט געלט, האבן זיי געעפנט א קליין געשעפטל דארט, ווי לאנג מען דרייט זיך אין האלאנד, און מען קומט אן אויף ארץ ישראל. א האלבע יאר זענען זיי געווען אין האלאנד, אבער עס האט זיך נישט אויסגעארבעט די אידישקייט, פרנסה איז אויך נישט געווען, האבן זיי מחליט געווען מיט מסירת נפש, אז מען גייט פארן קיין ארץ ישראל.

זענען זיי אנגעקומען קיין ארץ ישראל, א געוואלדיגע עניות, א קליין דירה'לע, מען האט קוים געהאט פלאץ פאר זיך אליין. ממש, מען האט געדארפט האבן מחיצות אין די שטיבער, צווישן די קינדער, די חתונה געהאטע קינדער און צווישן די חדר אוכל, און די קאך, עס איז געווען א געוואלדיגע עניות. מען האט געדארפט שווער ארבעטן, און זיך פלאגן, און ווייניג עסן. און דער טאטע האט שטענדיג מחזק געווען די קינדער: על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו.

אבער די הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס האט זיך אויסגעלאזט? אויסגעלאזט האט זיך, אז די דייטש האט אויסגעהארגעט אלע אידן, און די משפחה האט איבערגעלעבט!! האבן זיי געמאכט א סעודת הודאה, זיי דארפן נישט קיין עשירות, זיי דארפן נישט קיין משרתים, זיי דארפן נישט קיין בנינים, זיי דארפן גארנישט! זיי דאנקן דעם אייבערשטן אז מען לעבט!!! אז ער האט זיי איבערגעלאזט א לעבעדיגע משפחה! קיינער פון זייער שטאט, און קיינער פון זייער משפחה, האבן נישט געהאט דעם זכיה.

# אור לנתיבתי

## יסודות און כללים וויאזוי צו הערן די שיעורים און תשובות פון רבי'ן שליט"א

**מענטשן פרעגן זייער אסאך מאל אן שאלות אויף די שיעורים, "וואס איז די מראה מקום?' 'וואו שטייט עס'. מענטשן זאגן אסאך מאל אויף געוויסע שיעורים, 'עס איז געווען די מסורה אנדערש' 'אלע דורות האט מען געוואוסט' 'יעדער איינער ווייסט'**

איך מוז ענק געבן צו פארשטיין א מורא'דיגע זאך:

רוב פון אונזערע שיעורים, האבן הונדערט פראצענט מראה מקומות. די חינוך שיעורים זענען הונדערט פראצענט מראה מקומות. די מנוחה שלימה שיעורים זענען מראה מקומות. די הלכה שיעורים זענען מיט מראה מקומות. די פרשת השבוע שיעורים זענען מיט מראה מקומות. אונז האבן זייער אסאך שיעורים מיט שטארקע מראה מקומות.

תכונת הנפש שיעורים, איז דא וואס האבן יא מראה מקומות, און עס איז דא וואס האבן נישט מראה מקומות. די סיבה דערפון איז, ווייל תכונת הנפש איז נישט א זאך וואס מען קען מסביר זיין מיט מראה מקומות. ווייל אויב די מענטשן וואס דארפן האבן די הילף און די הדרכה, און די דרך התורה וועלן זיין פארנומען צו עס שטייט יא אין חובת הלבבות, אדער נישט. צי דער רמב"ם זאגט עס, אדער נישט. צי דער בעל התניא זאגט עס, אדער נישט. צי די מדרש זאגט עס, אדער נישט. צי דאס שטייט אין די גמרא, אדער נישט. צי דאס זאגט רש"י אדער דער

**תכונת הנפש, איז אסאך געבויעט אויף מדמה זיין מילתא למילתא. ווערסט זיך ארייג'טענה'ן צו דער בעל התניא זאגט עס יא, צו ער זאגט עס נישט. צו דאס זאגט רש"י, צו דאס זאגט די גמרא, עס ווערט אוועקנעמען די יסודות**

רמב"ן. ווערט עס פארלירן די גאנצע כח, און די גאנצע חיזוק, און די גאנצע הדרכה.

א מענטש וואס מוטשעט זיך אין תכונת הנפש, דארף הערן יסודות, טיפע מהלכים, מחשבות, ארבעטן מיט די מח, און הדרכה וויאזוי צו קענען גיין ווייטער. ער וויל נישט, און ער קען נישט, יעצט זיין פארנומען מיט מראה מקומות. אזויווי א איד זאל אנרופן ערב פסח א דיין, ער האלט אינמיטן כשר'ן, און פרעגן: איך האב יעצט אזוי געטון, וואס טו איך ווייטער? און ער שטייט מיטן הייס וואסער טאפ. ער וויל נישט דער רב זאל אים יעצט געבן א שיעור כללי אויף הלכות הגעלה... ער וויל דער רב זאל אים זאגן: טו אזוי און טו אזוי, און אראפלייגן די טעלעפאן, ווייל ער האלט א הייס וואסער טאפ אין די האנט.

אין תכונת הנפש, שטייען מענטשן אנגעצויגן, צעבראכן אדער איבערגעשטעגט. און זיי זוכן אן עצה, א הילף עפ"י תורה. 'איך וויל עס טון און איך וויל מיר זען ארויס פון מיין פראבלעם'. ער וויל נישט זאלסט אים געבן פלפולים, און ער וויל נישט, זאלסט אים דורכלערנען אלע סוגיות.

אגב, עס איז יא דא אידן, תלמידי חכמים מופלגים, מורה הוראות, מרביצי תורה, משפיעים, וואס זיי לעבן זיך ב"ה אריין אין די שיעורים, און כסדר שיקן זיי אריין, און זיי ווייזן ווי זיי טרעפן מראה מקומות אויף יעדן שיעור.

עס איז אריבערגעקומען צו אונז אפילו א רב, א גרויסע קאפ, א גרויסע תלמוד חכם, א גרויסע ידען, און ער האט געזאגט: ניין און נייציג פראצענט פון די שיעורים טרעפט ער די מראה מקומות, און ער האט אפילו מוסיף געווען מראה מקומות. ער האט געהאט איין-צוויי שאלות, און אונז האבן אים אנגעצייכנט ווי עס איז די מראה מקום, און ער איז אוועקגעגאנגען צופרידן. כסדר נאך יעדן שיעור, פעקסן מענטשן אריין מיט מראה מקומות אויף די שיעור, אדער לאזן א

מודעה. אבער די שיעורים בעצם, קען מען נישט געבן מיט מראה מקומות, מענטשן ווילן וויסן וואס זיי האבן צו טון.

און נאך א סיבה איז דא דערינען, ווייל תכונת הנפש, איז אסאך געבויעט אויף מדמה זיין מילתא למילתא. ווערסט זיך אריינ'טענה'ן צו דער בעל התניא זאגט עס יא, צו ער זאגט עס נישט. צו דאס זאגט רש"י, צו דאס זאגט די גמרא, עס ווערט אוועקנעמען די יסודות.

**אזויווי א איד זאל אנרופן ערב פסח א דיין, ער האלט אינמיטן כשר'ן, און פרעגן: איך האב יעצט אזוי געטון, וואס טו איך ווייטער? און ער שטייט מיטן הייס וואסער טאפ. ער וויל נישט דער רב זאל אים יעצט געבן א שיעור כללי אויף הלכות הגעלה... ער וויל דער רב זאל אים זאגן: טו אזוי און טו אזוי, און אראפלייגן די טעלעפאן, ווייל ער האלט א הייס וואסער טאפ אין די האנט**

צו פארשטיין צי תכונת הנפש, איז א מתנה וואס דער הייליגער באשעפער געבט פאר א מענטש. תכונת הנפש איז א געוויסע חכמה וואס דער הייליגער באשעפער געבט א מתנה פאר א מענטש. נאר מענטשן קענען עס נעמען פון די נישט תורה'דיגע וועלט, פון די זה לעומת זה, פון די נישט ריינע וועלט. און מען קען עס נעמען פון די תורה'דיגע וועלט. אונז נעמען עס פון די תורה'דיגע וועלט, אבער דו מוזט פארשטיין תכונת הנפש איז א מתנה וואס דער הייליגער באשעפער געבט, דאס קענסטו נישט לערנען אין די רמב"ם און אין תניא און אין ספרי חב"ד, און אין של"ה הק', אין ספרי רמח"ל און ספרי מהר"ל, און עס טרעפן. דאס דארף דער אייבערשטער געבן א מתנה.

ממילא תכונת הנפש איז נישט קיין זאך וואס מען קען אזויפיל מסביר זיין די מראה מקומות. די חלק פארוואס עס הייסט א דרך התורה, איז, ווען עס קומט פון לערנען תורה, און נישט זען און נישט הערן, און נישט האבן קיין שום שייכות מיט די גוי'שע וועלט. נאר דורך זיצן און הארעווען על התורה ועל העבודה, דאס רופט זיך דרך התורה. למעשה, האבן מיר יא מראה מקומות.

מה שאין כן, ווען עס קומט צו חינוך, ווען עס קומט אוועקצושטעלן מנוחה שלימה, ווען עס קומט אוועקצושטעלן די ענין פון אמונה; פון בטחון; פון שלום; פון אהבת ישראל, אלעס איז מראה מקומות. שלום בית איז אויך מלא וגדוש מיט מראה מקומות, אויף זאכן וואס דארף א מראה מקום. זאכן וואס דארפן נישט קיין מראה מקום, זאכן וואס קומען אריין אין סברא, אין שכלי, דארט דארף מען נאר האבן, אז עס קומט פון די תורה, עס קומט פון איינער וואס האט נישט געהאט א שייכות מיט די גוי'שע משומדים'דיגע טריפה'נע וועלט.

אבער מען קען נישט יעדע זאך טרעפן אין די תורה, עס איז דא אזא זאך ווי סברא דאורייתא, און עס איז אויך דא א געוויסע חכמה וואס דער הייליגער באשעפער געבט פאר א מענטש, און ער זאל עס מפיץ זיין, ווייל עס קומט פון די תורה, ווייל אז מען לערנט נאר תורה, איז דאס א חלק פון די תורה.

נאכדעם איז דא מענטשן וואס פרעגן שאלות וואס האט צעטון מיט די מסורה. 'עס איז דא א מסורה אז מען דארף אזוי טון' 'מען האט קיינמאל נישט געטון'... מען טייטשט אפ פסוקים, מען טייטשט אפ מוסר ספרים, און מענטשן פרעגן די סארט שאלות.

איך גיי זאגן די אמת, א יסוד: אונז גייט מיר נישט ענטפערן אויף די אלע זאכן. ווייל א מענטש איז געבוירן געווארן ביי א טאטע און מאמע, און זיין טאטע און מאמע האבן אים פארגעלערנט די תורה, זיין טאטע און מאמע האבן זיך אזוי געפירט, אבער עס מיינט נישט, אז די מסורה קומט פון ערגעץ, און עס מיינט נישט אז מען האט זיך אזוי געפירט. און עס מיינט נישט, אז עס שטייט ערגעץ. אפילו דיין טאטע האט דיר אזוי אריינגעטייטשט אין א פסוק. דו דארפסט עס רעספעקטירן און עס איז זייער שיין, לערן א דורך די פסוק מיט די מפרשים, קען

**מען קען נישט יעדע זאך טרעפן אין די תורה, עס איז דא אזא זאך ווי סברא דאורייתא, און עס איז אויך דא א געוויסע חכמה וואס דער הייליגער באשעפער געבט פאר א מענטש, און ער זאל עס מפיץ זיין, ווייל עס קומט פון די תורה, ווייל אז מען לערנט נאר תורה, איז דאס א חלק פון די תורה.**

זיין אז דו וועסט נישט טרעפן אז דאס איז פשט. אונזער אידישקייט האט יעדער טאטע מאמע, און יעדע משפיע, גענומען א פסוק, גענומען א חז"ל, און עס אויסגעטייטשט לויט די זאך וואס ער האט געשפירט אז ער דארף מחנך זיין, משפיע זיין, פאר זיינע קינדער, צו פאר זיין קהילה. אבער דאס איז נישט קיין מחייב און א משעבד יעדער מענטש אין די וועלט.

אונזער מסורה און אונזערע הנהגות, וואס אונז דארף מיר און מיר זענען משועבד, איז די זאכן, וואס איז צעשפרייט אין גאנצעטע קהלות, און אין די גאנצע וועלט, און אין גאנצעטע אפטיילונגען, שבטים, גאנצע משפחות, אדער וואס אונז טרעף מיר אינעווענדיג, אין די ספרים הקדושים.

ממילא, כדי אונז זאל מיר נישט אוועקמאכן וואס מענטשן האבן א טייטש אין חינוך, מענטשן האבן א טייטש אין שבת קודש, אין געוויסע מצוות. עס איז דא מענטשן וואס זיי לערנען אפ די התחייבות פון מסורה און מנהגי ישראל, אויף א וועג וואס עס ווערט נישט געברענגט אין קיין שום פוסק, עס ווערט נישט געברענגט אין ערגעץ נישט. אונז האב מיר א שיעור אויף מנהגי ישראל, פונקטליך מיט מראה מקומות, ארויסגערעדט יעדע זאך מיט מקורות קדושים וטהורים, אונז האבן נישט צוגעלייגט קיין איין זאך וואס איך האב גענומען סתם פון זען מענטשן, אונז האבן עס געברענגט פון ספרים און פוסקים.

אוודאי, יעדע מענטש, וויל זיין א זון פון א טאטע, און א טאטע פון א זיידע, און א זיידע פון א זיידע, און אזוי האלט זיך אידישקייט, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמיך. כאטשיג, אין הלכה מיינט עס נישט אזוי, אין אונזער שמועס זענען מיר מסביר וואס דאס מיינט אין הלכה. אבער אזוי האט זיך די וועלט געפירט, אונז ברענגט מיר דאס אויך אין די שיעור, אבער דאס איז נישט משעבד, און דאס איז נישט מחייב אנדערע מענטשן.

ווען דו זעסט אנדערע מענטשן האבן אנדערע מיינונגען, און זיי לערנען אנדערש און זיי פירן זיך אנדערש, און זיי זאגן שיעורים אנדערש. דארפסטו קודם נאכקוקן דיין מסורה, פון וואו עס שטאמט? אפשר איז דיין טאטע דער ערשטער, און אפשר איז עס ניטאמאל א מסורה, נאר דיין טאטע האט געשפירט אז דאס איז זיין תכונת הנפש, און אזוי וויל ער מחנך זיין די קינדער, צו עס איז מנהגים אין א שטוב. אונז האבן א גאנצע שיעור אויף דעם. אבער מען דארף פארשטיין, אז מענטשן זאגן 'אייביג האט מען זיך אזוי געפירט' און 'יעדער האט זיך אזוי געפירט'... ווען איז די אייביג, און ווער איז די יעדער?! אן קיין מראה מקומות... און א מראה מקום מיינט, אז ער איז עס דורך געגאנגן מתחילה ועד

סוף. עס איז דא מענטשן וואס זיי רופן אריין, און זיי זאגן: איך האב געזען א של"ה הק'... ער האט געזען אן עבודת ישראל... ער קוקט א האלבע שטיקל, און ער זאגט א ווארט. ער האט נישט דורכגעלערנט די גאנצע.

די סיבה פארוואס אונז ענטפער מיר נישט אויף די אלע שאלות קיין תשובות, כאטשיג, אונז זענען נהנה ווען מענטשן זענען מעורר, און מען זאגט. אזוי שטייגט מען, און אזוי וואקסט מען, קבל את האמת ממי שאומרו. אבער מען ענטפערט נישט צוריק, ווייל אונז וויל מיר נישט אוועקמאכן יעדער איינער, זיין טאטע און מאמע, אדער אפילו זיין אייגענע וועג צו מחנך זיין זיינע קינדער. אונז וויל מיר נישט אריינברענגען מענטשן אין צובראכנקייט.

אונז ענטפער מיר נאר ווען א איד פרעגט א שאלה, נישט ער ברענגט אן הערה, נאר ער האט א שאלה. זעען מיר, אז ער ווייסט נישט, וועלן מיר ענטפערן, ער זאל וויסן. אבער ווען א מענטש האלט אנדערש, אדער טראכט אנדערש, אדער ווען א מענטש איז מעורר אויף כלל ישראל זאכן, ווייל ער האט אזוי געלערנט, אדער זיין טאטע האט אים אזוי געלערנט. אונז רעספעקטיר מיר, און מיר זענען עס מחשיב, אבער אונז גיי מיר אויף דעם נישט ענטפערן, ווייל אונז וויל מיר נישט חלילה וחלילה, שוואך מאכן קיינעמס אידישקייט, און נישט אוועקמאכן קיין שום איד.

**מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן לייניע אויף קנעפל: 511.**

---

**קול פנים מאירות:** שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

**צענטראלע נומער:** 845-414-0076 | **א"י:** 072-370-1823 | **ענגלאנד:** 0330-350-3190 | **ארגענטינע:** 5411-2152-7691 | **אנטווערפן:** 323-346-0673 | **מאנטריאל:** 438-228-2500

---